


אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.

פרשת וירא תשפ"ד •זרע שמשון - א לימוד וואס איז משפיע ישועות• גליון 336

## אמרות שמשון

### דער אויבערשטער באזוכט אברהם אבינו • אברהם אבינו פארמאגט א שטיין וועלכע היילט אויס קראנקע • אברהם אבינו קוקט נישט אויפן שטיין • דער אויבערשטער וואַרט ביזן דריטע טאג צו באזוכן אברהם אבינו

**וַיֵּרָא אֵלָיו ה' בְּאֵלֹנֵי מַמְרֵא וְהוּא יֹשֵׁב פֶּתַח הָאֹהֶל כְּחֹם הַיּוֹם: וַיִּשָּׂא עֵינָיו וַיַּרְא וְהִנֵּה שְׁלֹשָׁה אֲנָשִׁים נִצָּבִים עָלָיו וַיַּרְא וַיָּרָץ לִקְרָאתָם מִפֶּתַח הָאֹהֶל וַיִּשְׁתַּחוּ אָרְצָה (יח, א-ב):** רש"י אויפן ארט (ד"ה והנה שלשה אנשים) ערקלערט, די דריי מלאכים וועלכע זענען געקומען באזוכן אברהם אבינו, זענען געקומען פאר דריי באזונדערע אויפגאבעס וועלכע זיי זענען געשיקט געווארן צו ערפילן. איינע פון די מלאכים (רפאל) איז געקומען **'לרפאות את אברהם'**, אויסצוהיילן אברהם אבינו פון זיין שוואכקייט נאכן ברית מילה.

**פון** חז"ל ווייזט אויס אז דער 'מלאך רפאל' איז געשיקט געווארן בלויז צו אויסהיילן אברהם אבינו, אזוי אויך ווען דער אויבערשטער איז געקומען באזוכן - מבקר חולה זיין - אברהם אבינו, איז דאס אויך געווען בלויז צוליב אברהם אבינו.

**שטעלט** זיך די קשיא, די 'ילידי ביתו' (שטוב מענטשן) פון אברהם אבינו, האבן זיך גלייכצייטיג אויך געמל'עט צוזאמען מיט אברהם אבינו, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (יז, כז), **וְכָל אַנְשֵׁי בֵיתוֹ יְלִיד בָּיִת וּמִקְנַת כֶּסֶף מֵאֵת בֶּן נֵכָר נִמֹּלוּ אִתּוֹ.** פארוואס איז 'מלאך רפאל' זיי נישט געקומען אויסהיילן?

**אזוי** אויך ווען דער אויבערשטער איז געקומען באזוכן אברהם אבינו געפונט מען נישט אז דער אויבערשטער האט אויך באזוכט די שטוב מענטשן וועלכע האבן זיך געמל'עט צוזאמען מיט אים.

**מען** קען דאס פארענטפערן לויט ווי עס שטייט אין חז"ל (בבא בתרא טז:), **'רבי שמעון בן יוחאי אומר, מרגלית טובה היתה תלויה בצווארו של אברהם, שכל חולה שרואה אותה מתרפא מיד'**. אברהם אבינו האט פארמאגט א שיינעם פערל שטיין וועלכע האט געהאנגען אויף זיין האלז, און יעדער קראנקע וואס האט געזען דער שטיין, איז אויפן אָרט פולקאם אויסגעהיילט געווארן דערפון.

**לויט** דעם קען מען ערקלערן, אז די 'ילידי ביתו' פון אברהם אבינו וועלכע האבן זיך געמל'עט צוזאמען מיט אברהם אבינו, האבן זיך בכלל נישט געשפירט שוואך און קראנק פון די מילה, און עס האט נישט אויסגעפעלט מען זאל זיי קומען באזוכן, וויבאלד זיי האבן געקוקט אויפן שטיין און זענען גלייך אויסגעהיילט געווארן.

**דאקעגן** אברהם אבינו זעלבסט וועלכע האט געוואוסט אז אָט די מצוה פון מילה איז איינע פון די 'עשרה נסיונות' וואס דער אויבערשטער פרואווט אים אויס, און אויב וואלט ער זיך גלייך געהיילט מיט זיין שטיין וואלט דאס נישט געווען קיין נסיון פאר אים, ווייל די וועלט וואלט געזאגט, די סיבה פארוואס אברהם אבינו איז איינגעגאנגען זיך צו מל'ען איז געווען נאר ווייל ער האט געוואוסט אז ער פארמאגט דעם שטיין וועלכע ער קען זיך דערמיט היילן און ער וועט נישט האבן קיין יסורים.

**צוליב** דעם האט אברהם אבינו זיכער געמאכט נישט צו קוקן אויפן שטיין, כדי ער זאל זיך נישט אויסהיילן נאר בלייבן שוואך פון די מילה. דערמיט האט ער געוויזן פאר די גאנצע וועלט אז ער ליידט ווייטאגן און פיין צוליב די מצוה פון מילה און ער נעמט דאס אן מיט שמחה און אהבה.

**וועגן** דעם 'מדה כנגד מדה', וויבאלד אברהם אבינו האט זיך נישט געוואלט היילן, נאר זיך געפריידט מיט די מצוה וואס דער אויבערשטער האט אים געגעבן, דעריבער איז דער אויבערשטער אליינס אראפגעקומען אים צו באזוכן און אים אויסהיילן פון זיין שוואכקייט.

◆ ◆ ◆

**מיט** דעם פארשטייט מען פארוואס דער אויבערשטער איז געקומען באזוכן אברהם אבינו נאר צום דריטע טאג פונעם ברית מילה (כדאיתא ברש"י ד"ה וירא), און נישט פריער (וואס דאס וואלט געקענט פארמיידן די ווייטאגן פון אברהם אבינו).

**ווייל** אויב וואלט דער אויבערשטער געקומען אינעם ערשטע טאג וואלטן מענטשן געזאגט ער איז אויסגעהיילט געווארן דורך זיין שטיין, און זיי וואלטן אפגעוואנדן זיין שטארקייט פון די נסיון זיך צו מל'ען.

**דעריבער** האט דער אויבערשטער אויסגעוואַרט ביזן דריטע טאג צו באזוכן אברהם אבינו, וואס ביז דעמאָלטס האבן שוין אלע געזען ווי אברהם אבינו זוכט זיך נישט צו ארויסדרייען פון דעם, נאר פארקערט ער פריידט זיך מיט זיינע יסורים מיט 'אהבה' און 'שמחה של מצוה'. (פרשתינו אות א')




• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

לברכה ולהצלחה
צבי יצחק דוב בן גיטל חיה
וזוג' מרים סאבל בת אסתר
ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר
שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל העניינים

לברכה ולהצלחה
דניאל אודי
בן רג'ינה מלכה
שיזכה לברכה והצלחה סייעתא דשמיא בלי גבול ומדה
בקרוב ממש ופרצת ימה וקדמה צפונה ונגבה

ניתן לתרום
לכבוד נשמת רבינו
ארץ ישראל 02-80-80-500
05271-66450
ארה"ב 347-496-5657

לברכה ולהצלחה
שושנה בת חוה גילה
שלום גרשון בן חוה גילה
שיזכו לזיווג הגון בקרוב ממש
מתוך שמחה ואושר

לברכה ולהצלחה
האשה החשובה
מרת מרים בת אורה ע"ה
ת.נ.צ.ב.ה.
הונצח ע"י בנה מגיד השיעור בבית הכנסת מוסיוף
הגאון רבי יוסף חיים אוהב ציון שליט"א

תרומות למען הפצת תורת זרע שמשון 02-80-80-500 * 347-496-5657 אלפים נושעו בהבטחת הזרע שמשון

## סדום לייגט ארויף א פארבאט אריינצולאזן געסט • געסט אין א לאנד טוען פארמערן געלט • לוט פארבארגט געלט מיט ריבית • דער וואס בארגט געלט מיט ריבית פארלירט זיין געלט

***וַיֹּאמֶר ה' זַעֲקַת סְדֹם וַעֲמֹרָה כִּי רָבָּה וְחַטָּאתָם כִּי כָבְדָה מְאֹד* (יח, כ):** עס ווערט געברענגט אין 'חז"ל' (סנהדרין קט.), **אמרו, וכי מאחר שארץ ממנה יצא לחם ועפרת זהב לו, למה לנו עוברי דרכים? שאין באים אלינו אלא לחסרינו ממוננו. בואו ונשכח תורת רגל מארצנו.** די אנשי סדום האבן געזאגט: 'וויבאלד אונזער לאנד איז געבענטשט געווארן פול מיט עסן און גאלד, פארוואס פעלט אויס אריינצולאזן פרעמדע געסט אין אונזער לאנד?' דעריבער האט זיי באשלאסן צווישן זיך, אז מען וועט אויפהערן אריינצולאזן געסט אין לאנד, וויבאלד זיי קומען נאר צו פארמינערן פון אונזער געלט און פארמעגנס.

**שטעלט** זיך דער הייליגער 'זרע שמשון', פארוואס עפעס האבן די אנשי סדום געהאלטן אז פארבייגיינדע געסט טון פארמינערן פון זייערע פארמעגנס? פונקט פארקערט, זיי קענען גאר פארדינען געלט דורכדעם וואס מענטשן וועלן קומען צו פארן, וועלן די מענטשן איינשטיין ביי זיי און קויפן פון זייערע זאכן, זיי וועלן קענען אויפשטעלן גאסט הייזער און האטעלן, און פארדינען דערפון אסאך געלט.

**אזוי** ווי מיר געפונען ווען כלל ישראל איז געווען אויף זייער וועג ארויף צו ארץ ישראל, און זיי האבן געוואלט אריבערגיין די לאנד 'אדום', האט משה רבינו געשיקט שלוחים צו דער קעניג פון אדום און געזאגט (במדבר כ, יז), ***נַעְבְּרָה נָּא בְאַרְצֶךָ לֹא נַעֲבֹר בְּשָׂדֶה וּבְכֶרֶם וְלֹא נִשְׁתֶּה מֵי בְאֵר דֶּרֶךְ הַמֶּלֶךְ נֵלֵךְ לֹא נִטֶּה יָמִין וּשְׂמֹאול עַד אֲשֶׁר נַעֲבֹר גְּבֻלֶךָ*.** און 'רש"י' ערקלערט דארט אויפן ארט (ד"ה ולא נשתה), משה רבינו האט געזאגט, טראץ וואס מיר פארמאגן אונזער אייגענע עסן און טרינקען (מן און באר) וועלן מיר קויפן פון ענק. זעט מען פון דעם אז א לאנד טוט פארדינען ווען עס גייען דארט פארביי געסט.

**אויב** וועט מען זאגן אז זיי האבן געהאט א פראבלעם מיט 'ארימעלייט' וואס וועלן זיך קומען באזעצן אין סדום, וואס דאס וועט זיי נישט ברענגען קיין שום פארדינסטן, וואלטן זיי בלויז געדארפט מאכן א פארבאט פאר ארימעלייט אריינצוקומען אין לאנד, פארוואס האבן זיי געדארפט אפשטעלן אלע סארט געסט?

**און** אויב וועט מען זאגן אז זיי האבן געהאט גענוג און נאך געלט (אזוי ווי די גמרא דערמאנט אז זיי האבן געהאט אין לאנד אלעס וואס זיי האבן געדארפט) און זיי האבן נישט געדארפט נאך געלט פון פרעמדע מענטשן, דארף מען פארשטיין זייער לשון '**שאין באים אלינו אלא לחסרינו ממוננו**' דאס איז דאך נישט ריכטיג (געסט טוען נישט פארמינערן געלט).

**מען** קען דאס ערקלערן לויט ווי עס שטייט אין 'מדרש' (בראשית רבה נא, ו), אויפן פסוק (יט, כט), ***וַיְשַׁלַּח אֶת לוֹט מִתּוֹךְ הַהֲפֵכָה בַּהֲפֹךְ 'אֶת הֶעָרִים אֲשֶׁר יָשַׁב בָּהֵן לוֹט'.*** פרעגט דער מדרש צו דען איז מעגליך אז לוט האט געוואוינט אין אלע שטעט פון סדום, ער האט דאך נאר געוואוינט אין איין שטאט. זאגט דער מדרש אז די תורה איז מרמז אז לוט פלעגט פארבארגן געלט מיט ריבית פאר מענטשן פון אלע שטעט פון סדום.

**זאגט** דער הייליגער 'זרע שמשון', עס איז באקאנט אז - א לוה בריבית - דער וואס בארגט געלט פון זיין חבר מיט ריבית, פארלירט צוביסליך זיין געלט. קומט אויס טראץ וואס לוט האט זיך פארגעשטעלט פאר סדום ווי איינער וואס וויל טון גמילת חסדים און פארבארגן געלט פאר סיי ווער ס'דארף, אבער וויבאלד ער האט זיי פארבארגט מיט ריבית האבן זיי בלויז פארלוירן דערפון געלט.

**דאס** האבן די אנשי סדום געזאגט ווען זיי האבן זיך באקלאגט אויף די געסט וואס קומען צווישן זיי, זיי האבן געמיינט דערמיט צו ווייזן אויף 'לוט' וואס איז געווען א גאסט און זיך געקומען באזעצן צווישן זיי, און עס האט אויסגעזען ווי זיי וועלן פארדינען פון דעם וואס ער טוט זיי גערן פארבארגן געלט, אבער - זאגן די אנשי סדום - אינ'אמת'ן '**שאין באים אלינו אלא לחסרינו ממוננו**' דאס טוט נאר פארמינערן אונזער געלט וויבאלד ער פארבארגט עס מיט ריבית. (פרשתינו אות י"ג)

## די פרוי פון לוט וויל נישט איינפירן דעם שלעכטן מנהג • זאלץ אויפן טיש באשיצט פון שלעכטס • סדום ווערט באשטראפט מיט גפרית 'ומלח'

***וַתַּבֵּט אִשְׁתּוֹ מֵאַחֲרָיו וַתְּהִי נְצִיב מֶלַח* (יט, כו):** רש"י אויפן ארט (ד"ה ותהי נציב מלח) ברענגט פון חז"ל (בראשית רבה ג, ד), '**במלח חטאה ובמלח לקתה**'. מיט זאלץ האט זי געזינדיגט, דערפאר איז זי באשטראפט געווארן מיט זאלץ. זי האט געזאגט צו 'לוט' ווען ער האט איר געבעטן אביסל זאלץ פאר די געסט, צו דען ווילסטו איינפירן דאס שלעכטע מנהג דא אין דעם ארט? דערמיט האט זי געמיינט פארצוהאלטן 'לוט' איבער דאס שלעכטע מנהג פון 'הכנסת אורחים' אריינצוברענגן געסט אין שטוב.

**אבער** לויט דעם דארף מען פארשטיין פארוואס האט זי דאס געזאגט דוקא ווען לוט האט געבעטן זאלץ און נישט ביי אלע אנדערע צוגעהערן וואס מען האט אנגעגרייט פארן סעודה?

**מען** קען דאס ערקלערן לויט ווי דער 'לבוש' (אין שו"ע סי' קס"ז ס"ה) ברענגט פון א מדרש, אויב געפונט זיך זאלץ אויפן טיש, ווערט די טיש פאררעכנט אזוי ווי א 'מזבח' וועלכע טוט פאַרצייען די עבירות, און די זאלץ טוט באַשיצן פון שלעכטס, און עס איז מכפר אויף כלל ישראל (עיי"ש).

**עס** שטייט אין 'גמרא' (סנהדרין קט.), '**אנשי סדום לא נתגאו אלא בשביל טובה שהשפיע להם הקב"ה**'. די אורזאַך פארוואס 'אנשי סדום' זענען דורכגעפאלן מיט פולע עבירות און זיך גרויס געהאלטן נישט מורא האבנדיג פון א עונש אויף זייערע זינד, דאס איז געקומען צוליב די גרויסע השפעות און גוט'ס וואס דער באשעפער האט זיי געשאנקן, און זיי האבן זיך געשפירט פארזיכערט מיט זיך.

**דעריבער**, ווען די פרוי פון לוט האט געהערט אז לוט וויל לייגן זאלץ אויפן טיש (וואס זאלץ אויף א טיש קומט צו באשיצן א מענטש פון שלעכטס), האט זי געזאגט פארוואס פעלט אויס צו לייגן זאלץ אויפן טיש דא אין סדום? אין דעם פלאץ דא, פעלט נישט אויס זיך צו זארגן פון שלעכטס. גאר פארקערט, מיט דעם וואס מען לייגט יא ארויף זאלץ אויפן טיש איז מען גאָר 'פותח פה לשטן' וואס קען צוברענגן צו שלעכטס.

**דעריבער** זאגט די ווייב פון לוט, דאס לייגן זאלץ איז א '***מנהג רע***' וועלכע איז מעורר שלעכטס. דאקעגן לוט האט אבער יא געגלייבט דאס וואס די מלאכים האבן געווארנט, און האט געוואוסט אז עס גייט קומען שלעכטס אויף סדום, דעריבער האט ער דאס געוואלט מכפר זיין און באשיצן דורכ'ן לייגן זאלץ אויפן טיש.

♦ ♦ ♦

**לויט** דעם קען מען אויך מסביר זיין פשט, פארוואס איז סדום באשטראפט געווארן דוקא מיטן עונש פון ***גָּפְרִית וָמֶלַח שְׂרֵפָה כָל אַרְצָהּ*** (דברים כט, כב)? דאס איז געקומען אלץ עונש אויף דעם וואס זיי האבן זיך געשפירט פארזיכערט און נישט חושש געווען צו לייגן זאלץ אויפן טיש וואס זאל זיי באשיצן ווען עס וועט קומען א קטרוג איבער זיי, דעריבער זענען זיי באשטראפט געווארן דוקא מיט דעם. (פרשתינו אות ט"ז)

ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.
צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילבערבערג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com
**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204
צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן ארץ ישראל: 05271-66-450 בארה"ב: 347-496-5657
אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'
ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי
וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו